


# באשיצונג פאר פארם ארבעטער

איר זאלט וויסן אז עס זענען דא פעדעראלע און סטעיט געזעצן פארבינדן צו אייער ארבעט, וועלכע קענען אייך געבן וויכטיגע באשיצונגען.

## וואוינונג

פלעצער וואס איר באקומט צו וואוינען אלץ טייל פון אייער ארבעט מוז נאכקומען געוויסע זיכערהייט און געזונט סטאנדארטן. אויב אייער ארבעטסגעבער געבט אייך א פלאץ צו וואוינען און איר קלערט אז עס איז נישט זיכער אדער ריין, רופט די נענטסטע US דעפארטמענט פון לעיבאר (USDOL) געהאלט און שעה אפיס און ערקלערט פארוואס איר גלייבט אז אייער וואוינונג איז נישט זיכער. זייער טאל-פרייע נומער איז **866-487-9243**. איר קענט זיך אויך פארבינדן מיטן ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון געזונט, אפטיילונג פון קאמיוניטי פון געמיינדע אינווייראנמענטאלע געזונט און עסן באשיצונג אויף זייער טאל-פרי נומער **1-800-458-1158**, עקס. **27600**.

## באצאלט

אויב איר ארבעט אויף א פארם, האט איר די רעכט צו באקומען א שריפטליכע ארבעט אפמאך וואס שרייבט קלאר ארויס די אומשטענדן פון אייער ארבעט אין א שפראך וואס איר פארשטייט. די אינפארמאציע מוז אריינרעכענען אייער ראטע פון באצאלט און אויב איר וועט ווערן באצאלט אויפן שעה אדער אויפן שטיקל. אייער ארבעטסגעבער מוז נאכפאלגן די אפמאך און אייער באצאלט מוז זיין כאטש די מינימאלע געהאלט. אנגעפאנגען פון יאנואר 1, 2024 מוז אווערטיים ווערן באצאלט איין און א האלב מאל (1 1/2 מאל) די געהעריגע ראטע פון באצאלט פון שעות געארבעט איבער 56 אין א קאלענדער וואך.

| 1/1/24 - 12/31/24 | |
|---|---|
| **ניו יארק סיטי** | **$16.00**/שעה |
| **לאנג איילענד און וועסטשעסטער קאונטי** | **$16.00**/שעה |
| **רעשטע פון ניו יארק סטעיט** | **$15.00**/שעה |

## טאג פון רו

אנגעפאנגען פון יאנואר 1, 2020 האט איר די רעכט צו באקומען כאטש איין טאג (24 נאכאנאנדע שעות) פון רו אין יעדע קאלענדער וואך. איר קענט אויסוועלן צו ארבעטן פרייוויליג דורכאויס די טאג פון רו ווי לאנג איר ווערט באצאלט ביים אווערטיים ראטע.

רופט דער נענטסטע דעפארטמענט פון לעיבאר, אפטיילונג פון ארבעט סטאנדארטן אויף **888-469-7365** אויב:

- איר באקומט נישט א געשריבענע ארבעט אפמאך
- איר האט נישט באקומען אלע באצאלט וואס מען האט אייך צוגעזאגט
- אייער באצאלט איז וויניגער ווי מינימאלע געהאלט
- איר האט נישט באקומען באצאלט פאר אווערטיים
- איר ווערט צוריקגעוויזן א טאג פון רו דורכאויס דעם קאלענדער וואך אדער אויב איר זענט נישט געווארן באצאלט די אווערטיים ראטע פארן ארבעטן אויף אייער באשטימטע טאג פון רו

## טראנספארטאציע

אויב איר ארבעט פאר א פארם לעיבאר קאנטראקטאר וואס נעמט אייך צו און פון די ארבעט, דארף די וויהיקל אין וואס איר פארט נאכקומען פעדעראלע אדער סטעיט זיכערהייט סטאנדארטן און דער קאנטראקטאר דארף האבן וויהיקל אינשורענס. אויב איר גלייבט אז די וויהיקל איז נישט פארזיכערט, פארבינדט זיך מיט די נענטסטע USDOL געהאלט און שעה אפיס. זייער טאל-פרייע נומער איז **866-487-9243**.

## ארבעט אומשטענדן

פעדעראלע און סטעיט געזעצן פארלאנגען אז ארבעטער זאלן קענען טון זייער ארבעט אין פלעצער וואס טוט נישט באדראען זייער געזונט אדער וואוילזיין. אויב איר קלערט אז די ארבעט אומשטענדן זענען נישט פארזיכערט אדער ריין, פארבינדט זיך מיט די נענטסטע USDOL געהאלט און שעה אפיס. זייער טאל-פרייע נומער איז **866-487-9243**.

## אנדערע באשיצונגען

- איר האט די רעכט צו ווערן געמאלדן און באקומען צוטריט צו ארבעט'ס קאמפענסאציע דעקונג פאר שאדן וואס האט פאסירט ביים ארבעט פלאץ
- אויב איר זענט בארעכטיגט, וועט איר האבן די רעכט צו באקומען דיסאביליטי בענעפיטן (DB) פאר אן אוועק-פון-ארבעט שאדן אדער קראנקהייט, און באצאלטע פאמיליע אורלויב (PFL) אינשורענס דעקונג זיך צו פארבינדן, געבן קעיר און העלפן אייער באליבטע.
- איר האט די רעכט צו באקומען ארבעטסלאזע אינשורענס דעקונג (באמערקט: H-2A פרעמדע געסט ארבעטער זענען אויסגעשלאסן פון ארבעטסלאזע אינשורענס דעקונג.)
- איר האט די רעכט צו ארגאניזירן צו פארעמען, מיטטיילן אדער העלפן א לעיבאר ארגאניזאציע ביים זוכן פאר בעסערע ארבעט אומשטענדן; איר האט אויך די רעכט צו האנדלען צוזאמען

## אנקלאגעס

איר האט א רעכט זיך צו באקלאגן צום ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבאר ווען:

- עס איז דא א פראבלעם מיט אן ארבעטסגעבער וועגן אן ארבעט וואס לעיבאר דעפארטמענט האט אייך געשיקט
- איר שפירט אז עס איז דא עפעס אומריכטיג מיט די סערוויס וואס איר האט באקומען פונעם סטעיט לעיבאר דעפארטמענט

אויב אייער אנקלאגע איז וועגן עפעס אנדערש, וועט דער דעפארטמענטשטאב אייך העלפן געפונען די ריכטיגע אגענטור צו פאררעכטן דעם פראבלעם. פארבינדט זיך מיט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבאר ביי די נענטסטע אפיס אויסגערעכנט אין די בלויע בלעטער פון אייער טעלעפאן בוך, אדער רופט **888-469-7365**.